**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/18/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון 23.7 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו איבערמאכן די אויבערשטע חלקים פון די בריק איבער די וואלקיל ריווער און סטעיט רוט 213 אין אַלסטער קאונטי**

***דער פראיעקט רעכנט אריין דאס אוועקנעמען און ערזעצן די עקזיסטירנדע 360-פיס-לאנגע אויבערשטע סטרוקטור, צו אריינשטעלען נייע סטרוקטורישע שטאל, איבערבויען מער פון 40,000 סקווער פיס פון בריק דעק פון בעטאן און הייוועיס גלייך דערנעבן***

***פראיעקט מיט מערערע שטאפלען ערווארטעט צו ווערן פארענדיגט אין הערבסט 2026***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון א 23.7 מיליאן דאלארדיגער ערזעצונג פראיעקט פון די אויבערשטע סטרוקטור פון א בריק אויף די ניו יארק סטעיט טרוּוועי (I-87) אין די טאון אָוו עסאפוס אין אַלסטער קאונטי. די בערך 360-פיס-לאנגע צוזאמגעשטעלט פון דריי שטיקער געפונט זיך אויפ'ן I-87 און פירט אריבער די טרו-וועי הויפט פארקער איןביידע ריכטונגען העכער די וואלקיל ריווער און סטעיט רוט 213 (מייל שילד 81.72) צווישן עקזיט 18 (ניו פאַלץ - פוקיפסי - NY רוט 299) און עקזיט 19 (קינגסטאן - NY רוט 28 - קינגסטאן-ריינקליף בריק) אומגעפער 54,000 קארס פארן אריבער די בריק אין ביידע ריכטונגען יעדן טאג. די בריק איז געעפנט געווארן פאר פארקער אין 1955 און איז צווישן די 75 פראצענט פון טרו-וועי בריקן וואס זענען איבער 60 יאר אלט.

"ניו יארק סטעיט מאכט באדייטפולע אינוועסטירונגען אין גאר וויכטיגע טראנספארטאציע רוטס וואס פארבינדן לאקאלע קאמיוניטיס און דיענען אלס טרייב קראפטן פאר לאקאלע עקאנאמיעס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער פראיעקט איז איינס פון די פילע אנגייענדע אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן אויף די טרו-וועי סיסטעם, וואס יעדע איינס פון זיי וועט אריינברענגען מיליאנען פון טאל דאלארן וואס קענען דערנאך אינוועסטירט ווערן צו אויפהאלטן א פארלעסליכע 'סופער-הייוועי' וואס באדינט טעגליכע רייזנדע, פראכט טראקס און באזיכער."

**טרו-וועי אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר, פרענק ג. האור, האט געזאגט,** "די טרו-וועי אויטאריטעט זעצט פאר צו מאדערניזירן איר 70 יעריגע אינפראסטרוקטור דורכן אינוועסטירן אין קריטישע פראיעקטן וואס פארשטערקערן די זיכערהייט און פארלעסליכקייט פון די טרו-וועי סיסטעם. דאס מאדערניזירן אונזער טראנספארטאציע סיסטעם איז וועזנטליך פאר די טויזנטע דרייווערס וואס באנוצן זיך מיט די פארנומענע I-87 שאסיי יעדן טאג."

**סטעיט סענאטארשע מישעל הינטשי האט געזאגט,** "די אינוועסטירונג צו ערזעצן די טרו-וועי בריק העכער די וואלקיל ריווער און סטעיט רוט 213 אין עסאפוס וועט מאכן דאס דרייוון זיכערער, מאדערניזירן אונזער לאקאלע אינפראסטרוקטור צו בעסער קענען ביישטיין שווערע וועטער און פארשטערקערן די באשיצונג פון די וואלקיל ריווער. איך שעץ זייער די טרו-וועי אויטאריטעט און גאווערנער האקול פאר'ן דאס מאכן פאר א פריאריטעט צו אויפהאלטן די שאסייען און בריקן דא אין אַלסטער קאונטי."

**אסעמבלי מיטגלידערין סאַראַהאַנא שרעסטא האט געזאגט,** "אין צוגאב צו דאס זיכער מאכן אז די 54,000 מענטשן וואס דרייוון אויף די בריק יעדן טאג קומען אן זיכערערהייט צו זייערע דעסטינאציעס, וועט די אינוועסטירונג באשיצן די וואלקיל ריווער דורכן פארבעסערן די שטורעם וואסער אפלויף און רעדוצירן אפשווענקונג פון די סטרוקטור."

דער פראיעקט וועט דורכגעפירט ווערן אין דריי שטאפלען. די ערשטע שטאפל, וואס איז שוין אונטערוועגס, רעכנט אריין דאס אנגרייטן די פלאץ אין צווישן די פארקערטע לעינס פאר קאנסטרוקציע אין יאר 2025 און מאכן פארערכטונגען צו די בעטאן אויף עקזיסטירענדע זיילן ביי די עקן און אונטער די בריק. די צווייטע שטאפל איז ערווארטעט זיך צו אנהויבן אין 2025 און רעכנט אריין דאס אוועקנעמען די עקזיסטירנדע אויבערשטע סטרוקטור פון די צפון-ריכטונג בריק און קאנסטרוקציע פון די נייע צפון-ריכטונג בריק, וואס רעכנט אריין דאס ערזעצן חלקים וואס האלטן אן די בריק, סטרוקטורישע שטאל, די בריק דעק און די שאסיי גלייך נעבן די בריק. די דריטע שטאפל איז ערווארטעט זיך צו אנהויבן אין 2026 און רעכנט אריין דאס אוועקנעמען די עקזיסטירנדע אויבערשטע סטרוקטור פון די דרום-ריכטונג בריק און קאנסטרוקציע פון די נייע דרום-ריכטונג בריק, וואס רעכנט אריין דאס ערזעצן די חלקים וואס האלטן אן די בריק, סטרוקטורישע שטאל, די בריק דעק און די שאסיי גלייך נעבן די בריק. די נייע ליגעדיגע זיילן פון די בריק און די אנדערע סטרוקטורישע שטאל עלעמענטן וועלן ווערן באדעקט מיט מעטאל צו פארמיידן ראסט און אויפעסונג.

אין פרילינג פון 2025, דורכאויס די צווייטע שטאפל פון די ארבעט, וועט די גאנצע צפון-ריכטונג פארקער אריבערגערוקט ווערן צו די דרום-ריכטונג זייט צוליב די ארבעט צו אויבפויען די נייע צפון-ריכטונג בריק. פארקער וועט צוריקגערוקט ווערן צו די אריגינעלע זייטן פאר די ווינטער. אין פרילינג פון 2026, ווען ארבעט וועט זיך אנהויבן אויף די דריטע שטאפל, וועט די גאנצע פארקער אויפ'ן דרום-ריכטונג אריבערגערוקט ווערן צו די צפון-ריכטונג זייט צוליב די ארבעט אויפ'ן דרום-ריכטונג בריק. פארקער וועט צוריקגערוקט ווערן צו די אריגינעלע זייטן איינמאל אלע ארבעט איז פארטיג ביים ענדע פון יאר 2026.

Harrison and Burrowes Bridge Constructions Inc. פון גלענמאנט, ניו יארק איז דער פראיעקט קאנטראקטאר, נאכפאלגנדיג א [פראצעדור צו אויסוועהלן די בעסטע פארשלאג](). דער פראיעקט איז ערווארטעט צו פארענדיגט ווערן אין הערבסט פון 2026. די ארבעט ווענדט זיך אויף די וועטער און די דאטומען קענען זיך טוישן. דורכאויס קאנסטרוקציע, וועלן דרייווערס זיך מעגליך אנשטויסן אין פארשפארטע לעינס אדער אפגעשטעלטע טראפיק אויף די טרו-ווצי און סטעיט רוט 213. אלע באשטימטע לעין פארשפארונגען און טראפיק אפשטעלונגען וועלן געמאלדן ווערן אויף דיגיטאלע הייוועי שילדן און אויף די טרו-ווצי'ס [וועבזייטל]().

דער פראיעקט רעכנט אויך אריין פארשטערקערטע ענווייראמענטאלע מאסנאמען צו באשיצן די וואלקיל ריווער וואס איז אומגעפער 20 פיס אונטער די בריק. דורכאויס דעם קאנסטרוקציע פראצעדור, וועלן מאסנאמען אונטערגענומען ווערן צו קאנטראלירן די זאמד און אפשווענקטע מאטעריאלן עס צו פארמיידן פון אנקומען אין די טייכן. אין צוגאב, וועט די גאנצע ערד סטאביליזירט ווערן נוצנדיג פלאנצונג קערנדלעך און/אדער שטרוי א.ד.ג. צו פארבעסערן די אפלויף פון שטורעם וואסער. דרייווערס ווערן געמוטיגט צו זיין וואכזאם און אויספאלגן די ארבעט זאנע ספיד לימיט שילדן. קנסות ווערן געטאפלט פאר פארן שנעל אין אן ארבעט זאנע.

צו נאכמער פארבעסערן זיכערהייט פאר ארבעטער אין אן ארבעט זאנע, האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א געזעץ צו אוועקשטעלן די אוטאמאטישע ארבעט זאנע שנעלקייט אינפארסירונג פילאט פראגראם. דער זיכערהייט אינפארסירונג פראגראם האט זיך אנגעהויבן אין אפריל 2023 און וועט זיין אין קראפט אין פארשידענע בוי-ארבעט זאנעס אויף די טרו-ווצי. ארבעט זאנעס מיט קאמערא

אינפארסירונג וועלן האבן קלארע שילדן פירנדיג צו די ארבעט זאנע. דרייווערס וועלכע פארלעצן די ספּיעד לימיט וואס שטייט אויף די שילדן אין די ארבעט זאנע וועלן באקומען א טיקעט. פארלעצונג טיקעטס וועלן ארויסגעשיקט ווערן צו די קאר'ס רעגיסטרירטער אייגנטומער דורך די פאסט. מער אינפארמאציע איבער דעם פראגראם קען געפונען ווערן דא.

די אויטאריטעט'ס 2024 בודזשעט אינוועסטירט א סך הכל פון 451 מיליאן דאלער צו שטיצן זייער קאפיטעל פראגראם, וואס איז ערווארטעט צו אינוועסטירן 2.4 ביליאן דאלער אין קאפיטעל פראיעקטן איבער די קומענדיגע פינף יאר - א 500 מיליאן דאלערדיגע העכערונג נאך די לעצטנס איינגעפירטע טאל טויש. די העכערע אינוועסטירונג וועט פירן צו ארבעטן אויף אומגעפער האלב פון די טרו-וועי'ס איבער 2,800 לעין מייל ווי אויך פראיעקטן אויף אומגעפער 90 פון די טרו-וועי'ס 817 בריקן.

צו באקומען די לעצטע אינפארמאציע איבער רייזע אומשטענדן, ווערן דרייווערס ערמוטיגט צו דאַונלאָודען די טעלעפאן עפּ וואס איז דא צו דאַונלאָודען אומזיסט אויף iPhone און Android כלים. די עפּ גיבט דרייווער דירעקטע צוטריט צו לעבעדיגע טראפיק און אנווייזונגען הילף בשעת'ן פארן. רייזנדע קענען אויך באזוכן די טרו-וועי אויטאריטעט'ס אינטעראקטיווע רייזער מאפּע וואס האט לעבעדיגע טראפיק קאמעראס. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען TRANSalert אימעילס, וועלכע געבן איבער די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס די טרוּוועי. פאר מער אינפארמאציע, פאלאָוט די טרו-וועי אויטאריטעט אויף Facebook, X און Instagram, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן